# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

718-640-1470

**ברכת מזל טוב לבבית**

ברכות לעד חמה ולבבית להאי גברא יקירא

בונה עולמות של תורה, עמוד התווך של אבותינו וידיד נאמן

הרבני החסיד ר' **משה גרינפעלד** שליט"א וזו' החשובה תחי'

לרגל שמחת החתונה של בנם היקר הי"ו למז"ט בשעטומ"צ

יעזור השי"ת שיתברכו כולם ביחד עם המחותנים וכל המשפחה הי"ו

ממעון הברכות לראות רוב שמחה ונחת מכל יוצ"ח וכט"ס.

## הערליכע אויפנאמעס לכבודו של מלכות פאר הויכראנגיגע מיניסטער פון אונגארישע רעגירונג

די וואך איז פארגעקומען די זעלטענע שיינע אויפנאמעס לכבודו של מלכות, מיט די באטייליגונג פון דעם הויכגעשעצטע מיניסטער פון אונגארן דר. מאדיאר, און באגלייטונג פונעם אונגארישע אמבאסאדער אין ניו יארק, דר. קומין, די אויפנאמע איז ארגאנאזירט געווארן דורך העסקן הנמרץ ידיד נאמן הרה"ח ר' **משה אהרן האפפמאן** שליט"א ווי עס האט זיך באטייליגט הנהלת וידידי "אבותינו".

די אויפנאמע איז געווידמעט וויבאלד אין די אונגארישע רעגירונג איז דא אן אויפוואכונג צו גרונטליך פארשטיין די וויכטיגקייט פון בייהילפיג זיין אויפצוהאלטן די בתי חיים. במשך די אויפנאמע איז געהערט געווארן א זעלטענע הארציגע רעדע פונעם מיניסטער וועלכע האט ערקלערט מיט באגייסטערונג:

**"זעהנדיג די ביה"ח אויפגעהאלטן בכבוד און ריין ווי עס דארף צו זיין, טוט עס אים דערמאנען די שיינע אמאליגע עבר פון די אידישע לעבן און אונגארן! ווידערום די נאכגעלאזטע און פארשוועכטע ביה"ח דערמאנט די חורבן יארן. - דערפאר איז מיר א כבוד זיך צו באקענען מיט די וואונדערליכע ארבעט פון "אבותינו", נאכן פעסטשטעלן אז דאס איז די ריכטיגע ארגאנאזאציע וואס ארבעט סיסטעמאטיש מיט פרידן פאר אלע קרייזן, שכנים און בעאמטע, און מיר שעצן די אלע וואס העלפן און פירן אן די ארגאנאזאציע".** במשך די אויפנאמע איז איבערגעגעבן א הערליכע אות הכרת הטוב פאר די הויכגעשעצטע געסט און באזונדער איז געהערט געווארן דורך **משפ' הח' רייך** הי"ו א טיפע דאנק פארן אמבאסאדער פאר זיין איבערגעגעבנקייט לטובת די ביה"ח אין שטאט **מערק** וואס האט ערמעגליכט אנצוהייבן די עבוה"ק בקרוב.

טיילווייזע רשימה פון די חשובע באטייליגטע: ידידינו הנאמן, עמוד התווך של אבותינו הרבני הנכבד ר' **משה גרינפעלד** שליט"א

**ב. איוואראש**, הרב הגאון ר' **מאיר פריעד** שליט"א, אב"ד | **סאלאסענד, טאקאיי, בעקעטש, ה. מאד, קארלאט**, הרה"ג ר' **מרדכי בערקאוויטש** שליט"א | **קערעסטיר**, הרה"ח ר' **חיים אליעזר גראס** שליט"א - חתנו הגה"צ ר' **ישעי' רובין** שליט"א, אב"ד; הרב בנש"ק ר' **אלי' גראס** שליט"א | **מערק**, הרה"ח ר' **אייזיק רייך** שליט"א ומשפחתו הח' הי"ו | **אוהעל**, הרה"ח ר' **יוסף ווייס** שליט"א | **מונקאטש**, הרה"ח ר' **חיים העללער** שליט"א | **סאמאשסעג**, הרה"ח ר' **יואל גוטמאן** שליט"א | **ז. אגארד**, העסקן הרה"ח ר' **יוסף מארקוס** שליט"א, ווי אויך איז געווען צוגעגרייט עקסטערע אפטיילונג פאר די נשים צדקניות פארטרעטערס פון מערערע אונגארישע ביה"ח.

The HFPJC would like to express appreciation to the honorable

**Hon. Dr. Levente Magyar**

Minister of State for Economic Diplomacy, Ministry of Foreign Affairs and Trade

**Mrs. Alyna Gelényi Martinez**

Special assistant

**Mr. György Szabó**

President of the board of trustees of the jewish heritage of hungary public endowment

**Hon. Dr. Ferenc Kumin**

Consul general of hungary in new York

Granting us the honor to visit our humble headquarters and observe from close up the operations behind the meticulous restoration work carried out through the Heritage Foundation in the cemeteries across Eastern Europe

התודה והברכה לידידינו הרה"ח ר' **אלעזר קליינבערגער** שליט"א ובנו הרה"ח **ישראל** שליט"א פאר זייער איבערגעגעבנקייט בסבר פנים יפות לטובת די אסיפה

## תיקון בתי חיים בעיר נירבאגאד, אונגארן

פראיעקט 26 קיץ תשע"ו

### מנו"כ של הגה"ק ר' **שלמה יודא וויינבערגער** זצ"ל אב"ד באגאד

בראשות נכדיו הרבנים הגאונים הצדיקים
אבד"ק **פאיע** שליט"א - דומ"ץ **סקולען** שליט"א
וכל המשפחה החשובה
משפחת הרה"ח ר' **בערל יאקאבאוויטש** ז"ל
הרה"ג ר' **יחזקאל גאלדבערגער** שליט"א
הרה"ח ר' **לייבל לעדערמאן** שליט"א
הרה"ח ר' **יונתן בנימין ווייס** שליט"א
הרה"ח ר' **יואל לעבאוויטש** שליט"א
הרה"ח ר' **יחיאל מיכל** בהרה"ג ר' **חיים קלמן קליין** שליט"א

### התעוררות ביי די חשוב'ע בני משפחה ווען נאך לאנגע צוגרייטונגען ווערט יעצט בס"ד געבויעט א נייעם פראכטפולע גדר ארום דעם ביה"ח.




ארבעט אויף די יסודות פונ'ם גדר



ביים אויפשטעלן די מצבות אויף פריש געגאסענע פונדאמענטן

זכות הצדיקים יגן לכל העוזרים והמסייעים בעד הצלת מקום מנוחתם להוושע בכט"ס ולכוח"ט

## אסיפה נהדרה לטובת ביה"ח הישן בעיר קראלי, רומעניע

### מנו"כ של הגאון הקדוש ר' **יהושע קראל'ער** זצ"ל וחותו הגאון הקדוש ר' **משה ארי' עסטרייכער** זצ"ל אב"ד קראלי

א הערליכע אסיפה פארגעקומען מיט די באטייליגונג פון די נכדי הגה"ק ר' יהושע קראל'ער זצ"ל:

הר"ר **חיים ברוך גאטערער** שליט"א, יו"ר • הר"ר **משה פריעדמאן** שליט"א (משב"ק) • הר"ר **אהרן הערש פריינד** שליט"א • הר"ר **מענדל מאיר גליק** שליט"א - הר"ר **בעריש עסטרייכער** שליט"א • הרב **ישראל בער האלצער** שליט"א • הר"ר **שמעון משה טירנויער** שליט"א • הר"ר **עוזיאל צבי ווייס** שליט"א

אויפ'ן ארט איז פארמירט געווארן א וועד להצלת ותיקון הביה"ח הישן, און נאכ'ן הערן מער פרטים איבער'ן מצב הביה"ח האבן די אנוועזנדע זיך ווארעם משתתף געווען צו ערמעגליכן די איבערבוי פונ'ם ביה"ח אין די נאנטע טעג.

צו משתתף זיין אין הצלת הביה"ח ביטע זיך פארבונדן מיטן וועד אדער מיט די חשובע עסקנים הר"ר **יואל** בר"ל **ווייס** שליט"א - הר"ר **שלום אליעזר** בר"ט **גראס** שליט"א

אן עקסטערע סייעתא דשמיא אז די אסיפה איז פארגעקומען י"א אלול, ביומא דהילולא פונ'ם נאסאד'ער רב הגה"ק ר' אברהם יושע פריינד בן הגה"ק ר' משה ארי' בן הגה"ק ר' יהושע קראל'ער זצ"ל.



שוואכע דראטענע גדר ארום די ביה"ח, דויערהאפטיגע גדר דריגענד







אין די זעלבע צייט האט מען אנגעהויבן פעולות לטובת הצלת הביה"ח קראלע חדש, מנו"כ של הגאון ר' **יעקב משה** זצ"ל, אב"ד דפה .

המשך איבער די גרינדונג פונעם וועד, וועט אי"ה נאכפאלגן.

ביה"ח קראלע חדש



סקיצע של הביה"ח החדש →



מצבת הגאון ר' **יעקב משה** זצ"ל →

## גרויס התרגשות ביים פוקד זיין ציון הגה"ק בעמח"ס פני מבין זצ"ל - אין שטאט ב. איוואראש לרגל די 100'סטע יארצייט

די נסיעה איז אויך נאכגעפאלגט געווארן מיטן באזוכן די שטאט **זשיפעוו סלאוואקיי**, וואו אבותינו האט בהשתדלות הרב ר' **עוזר חיים הכהן פריעד** שליט"א - אנטווערפן, געפונען מנו"כ פון הרבנית הצדיקת מרת **מלכה** ע"ה, די מאמע פון הגה"ק בעל **פני מבין** זצ"ל, די גרויסע נסיעה בראשות הגה"צ **אבדק"ק קראסנע** שליט"א איז ערמעגליכט געווארן דורך הרב ר' **משה נתנאל הכהן פריעד** שליט"א בהגה"צ מ'**איוואראש** שליט"א, ומו"ל ספרי פני מבין. מער פרטים פון די נסיעה ווי אויך די נעמען פונעם וועד להצלת הביה"ח בעיר זשיפעוו וועט בעזהש"י געמאלדן ווערן קומענדע וואך.

ובהאי שתא נברך ברכת מז"ט חמה ולבבית לכבוד הרה"ח ר' **שמואל הכהן פריעד** שליט"א ולמשפ' החשובה מחשובי הוועד למען שמירת הביה"ח בעיר איוואראש - לרגל שמחת החתונה למז"ט בשעטומ"צ



Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha